STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04421

OR HADASH

Harris Mazel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אור חדש

ווי צו לערנען אַ פרשה חומש

גוט פאר חדרים, תלמוד תורה'ס, ישיבות
און בכלל פאר אלט און יונג, אָרטהאָדאָקסען
און ראַדיקאַלען

מאת

דוב צבי מזל

HARRIS MAZEL

NEW YORK

פרייז 25 סענט

୧୨ଅଣା

געווידמעט צום אנדענקען
פון דער ערעפנונג פון
העברעאישען אוניווערזיטעט

1טען אפריל, 1925, 7 ניסן התרפ"ה
אין ירושלים.

אור חדש

ווי צו לערנען אַ פּרשה חומש.

ערשטע לעקציע

איינלייטונג

די פרשה וועלכע מיר גייען לערנען איז ניט קיין אַנדערע ווי די ערשטע פון חומש. מיר וועלען זיך אַלזאָ פּאַרטיפען אין מעשי בראשית.

ראשית וועלען מיר זעהען וואָס עס איז אונז קשה לויט אלע מפרשים ביז היינט — אַז משה איז ניט אויסען געווען צו לערנען אין דער תורה מיט'ן דור המדבר אסטראָנאָמיע, דאָס איז אמת, דאָס איז דאָך אבער אויך אמת אז וואָס ער זאָגט יע מוז שטי־

מען מיט יעדען פעסטגעשטעלטען געזעץ פון דער נא־טור, אָבער דאָס לאָמיר זעהן.

א — די וויסענשאַפט זאָגט אז עס האָט גענומען מיליאָנען יאהרען ביז אלעס האָט זיך ענטוויקעלט ווי מיר זעהען די וועלט ביי היינטיגען טאָג און די תורה זאָגט לויט דעם פשט פון אלע מפרשים אז דאָס אלעס איז געוואָרען אין זעקס טעג.

ב — וואָס מיינט דער פסוק מיט „ורוח אלהים מרחפת על פני המים".

ג — פון וואנען האָט זיך גענומען די ליכטיג־קייט דעם ערשטען טאָג ווען קיין זון איז נאָך ניט גע־ווען. מיר אלע וויסען און מסתמא האָבען די אידען אין משה'ס צייטען אויך געוואוסט, אַז אָהן דער זון איז קיין ליכטיגקייט אויף דער ערד ניט מעגליך. מיר האָבען עס געזעהן בחוש ביי דער ליקוי חמה ניט לאַנג.

ד — ווי אַזוי איז די זון וואָס איז אַ סך גרעסער און עלטער פאר אונזער ערד, אונזער ערד איז דאָך נאָר א פלאַנעט אין דער זונען סיסטעם. ווי אַזוי איז

דאָס גאָר די זון בעשאַפען געוואָרען לויט דער תורה ערשט אין פערטען טאָג.

ה — דעם צווייטען טאָג איז באַשאַפען געוואָרען דער הימעל, דער גרויסער געוועלב, וואָס נעמט אַרום דעם גאנצען אוניווערסום מיט די מיליאָנען וועלטען. מיר וועלען פּארוואַרפען די פראגע ווי אַזוי איז דאָס אלעם פלוצלונג געוואָרען. די גלויביגע האָבען איין תירוץ, ביי גאָט איז אלעם מעגליך. די פראגע איז אבער, אז קיין הימעל איז דאָך גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, ממש לא היה ולא נברא, דאָס נאַרט אונז נאָר די אויג, אז דער אונענדליכער בלויער געוועלב איז א הימעל.

ו — די תנינים הגדולים זיינען איינצעלנע מינים פון די וואסערטהירע ווי וואלפישען און קראקאדילען, ווארום האָבען זיי זוכה געווען דערמאנט צו ווערען בפרטיות ביי די מעשי בראשית.

ז — ווארום שטעהט „נעשה אדם“ מיט א לשון רבים, און וועגען חוה׳ן שטעהט „אעשה לו עזר“ מיט א לשון יחיד.

ח — פאר וואָס זאָגט די תורה „ויכל אלהים ביום השביעי" האָט דען גאָט מחלל שבת געווען?

די אלע פראגען האָף איך וועלען פארענטפערט ווערען לויט דעם פרינציפּ אז אין „מקרא יוצא מידי פשוטו" און אויף א זעהר לאָגישען אופן — האָב זיך באנוצט צו דעם מיט „נאַטור-וויסענשאַפט" בערנ-שטיינס, אדם הכהן און מלבים און כדי דער געעהר-טער לעזער זאָל מיך גוט פאַרשטעהן מוז איך דאָ ציטירען אייניגע אויסציגע פון „נאַטור-וויסענשאַפט בערנשטיינ'ס" נאָכהער וועלען מיר זיך נעמען צו דער פרשה חומש.

צווייטע לעקציע

אויסציגע פון בערנשטיין

פריהער אודאי מיט א סך, א סך מיליאָנען יאָה־רען צוריק איז די היץ פון דער ערד געווען גענוג גרויס צו ערהאלטען די אלע מינים מעטאַלען און שטיינער אפילו אין א צושמאָלצענעם צושטאַנד און די גאנצע ערד איז געווען בלויז א פליסיגע פייערדיגע קוגעל, דאָך דורכדעם וואָס זי האָט ארויסגעגעבען ווארימקייט, שוועבענדיג ארום דער זון ווי איצטער אין וועלט־רוים וואו עס הערשט א שטענדיגע קעלט איז איהר אויבערשטער טהייל געוואָרען אָבגעקיהלט און הארט. אין יענער צייט ווען די ערד האָט ערשט געבילדעט איהר הארטע פאָרם איז בלי ספק קיין וואסער גאָר ניט געווען אויף איהר, ביי יענע הויכע גראדען היץ וואָס מיר קאנען זיך גאָר ניט פאָרשטע־לען האָבען גיכער דער זויער שטאָף און וואסער־

שטאָף פון וואָס די וואסער איז צוזאמענגעשטעלט געקענט עקזיסטירען, נאָר אין דער אטמאָספערע, דאָס הייסט אין לופט-קרייז פון דער ערד ניט פאר־בונדענערהייט אקוראט זוי איצטער צופאלט דאָס אסער אין זיינעביידע לופטפאָרמיגע בעשטאַנד־היילען אָדער עלעמענטען ווען עס איז אַרויסגע־.עצט צו זעהר הויכע גראדען היץ. עס איז קלאָר, אַז די דאָזיגע שאָלאכץ אָדער קארע איז אין דער ערשטער צייט נאָך געווען אזוי היים, אַז אויף איהר האָט ניט געקענט פאלען קיין איינציגער טראָפען וואסער, וואו עס זאָל ניט ווערען פאַרע פון איהם. אין יענער צייט האָט דאָס וואסער פון אלע ים׳ען, אָקעאנען, טייכען און אָזערעס אַרומגענומען די ערד ניט ווי טראפענדיג וואסער, נאָר ווי וואסער־דאמפף, אַזוי אז א חוץ דער האַרטער קאָרע האָט די ערד געהאט ארום זיך נאָך א דעק פון דאמף און די דעק איז געווען אומגעהייער הויך און גרוים און געדיכט. אין דער דאָזיגער דאמפף־הילע פלעגט זיך דער אוי־בערשטער טהייל דער קעלטסטער כסדר פערוואנד־לען אין וואסער און אַראָבפאלען מיט א שרעקליכען גערויש אויף דער ערד. מען קאן פערשטעהן, אז דאָס האָט געמוזט זיין א מין רוישען און ברויזען וואָס די פאַנטאַזיע איז צו שוואך זיך אפילו א בעגריף צו

מאכען וועגען דעם. גאַנצע ים'ען האַלטען אין איין אַראַבוואַרפען זיך און דאַן אין איין אַרויפוואַרפען זיך שיין פערוואַנדעלטע אין דאַמפּף ווייטער אין דער הויך איבערגעשאפען געוואָרען אין וואסער און ווי־דער אראָפּ אויף די הייסע שטיינער, כדי נאָך אמאָל צו זידען און צוריק אַרויפגעוואָרפען צו ווערען. מיר קאנען אלזאָ זיך פאָרשטעלען אז אין יענע פעריאָדע איז ניט נאָר די זון אליין געווען אומזיכטבאר אויפ'ן ערד־קוגעל, נאָר אפילו קיין איינציגע שטראהל האָט ניט געקאָנט דורכברעכען זיך דורך דער נעבעלדיגער אַטמאָספערע צו דער ערד און דאָס אלעס ניט פאר טעג, חדשים און יאָהרען, נאָר דורך פילע טויזענטער און טויזענטער יאהרען, ביז די האַרטע הילע איז געוואָרען גענוג דיק און אויף אַזוי פיעל אָבגעקיהלט אַז זי האָט שוין געקאָנט ליידען אויף זיך די וואַסע־רען און זיי צוזאַמען קלייבען אין גרויסע ים'ען און באסיינען. די אַטמאָספערע איז געוואָרען שיטערער און דורכזיכטבאר אַזוי אז די שטראַהלען פון דער זון האָבען געהאט א מעגליכקייט דורכברעכען זיך א וועג צו דער ערד, אָבוואָהל די זון אליין האָט נאָך צוליב די געדיכטע נעבעלען און וואָלקענס ניט גע־קאָנט באווייזען זיך ביז לאַנגע צייטען שפּעטער.

יעצט אז מיר ווייסען שוין עטוואָס ווי די ווי־

סענשאַפט שטעלט פאַר די מעשי בראשית, קאָנען מיר בעסער פאַרשטעהן אונזער גרויסען משה'ן. ער באַצייכענט אונז די לאנגע פעריאָדע פון מיליאָנען יאָהרען פון דעם כאַאָסישען צושטאַנד פון דעם ערד־קוגעל, נאָר מיט די איינציגע צוויי ווערטער „תהו ובהו“ און פאנגט אָן די מעשי בראשית פון דער פער־יאָדע ווען וואסער האָט שוין געקאָנט עקזיסטירען אויף דער ערד און עס איז געוואָרען „חשך על פני תהום“. דאן האָט גאָט געזאָגט „יהי אור“. דעם כלל מוזען מיר געדיינקען אז וואָס די וויסענשאַפט רופט אָן „די נאַטור“ רופט עס משה אָן „מאמר אלהים“. ער איז דער ארכיטעקטאר לויט משה'ן, דער באַשע־פער וואָס פאָרמירט די נאַטור, און משה דערצעהלט גאָרנישט וועגען די באַשאַפונג פון דעם אונגעהייע־רען גרויסען אוניווערסום מיט די מיליאָנען פלאנע־טען און וועלטען, און ניט אפילו ווי אונזער ערד מיט לופט און וואַסערען איז באַשאַפען געוואָרען, ווייל עס איז ניט געווען זיין אבזיכט צו לערנען מיט דעם דור המדבר אסטראָנאָמיע. ער דערצעהלט נאָר ווי אלעם אויף דער ערד איז באַשאַפען געוואָרען אין לאנגע זעקס פעריאָדען. וועגען אוניווערסום זאָגט ער, אז ער איז ניט קיין קדמון, נאָר „ויעש אלהים את שני המאורות הגדולים — ואת הכוכבים“ און

וועגען דער ערד מיט איהר אַטמאָספּערע זאָגט ער אז „ברא אלהים את השמים ואת הארץ” ווען ער האָט עס באַשאַפען און וויפיל צייט עס האָט גענו־מען דערמאנט די תורה גאָרניט.

דריטע לעקציע

גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך

(תהלים קי"ט-י"ח)

א — בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, אדם הכהן זאָגט, דער ערשטער פסוק איז אן הקדמה צו דער גאנצער תורה. דער נותן התורה זאָגט צו דעם וואָס געהט איהר לערנען, צום אלעם ערשטען זאָלסטו וויסען און גלויבען אז די וועלט איז ניט קיין קדמון, נאָר עס איז דאָ א גאָט וואָס האָט איהר באַשאַפען „יש מאין!".

— והארץ היתה תהו ובהו וחשך על פני תהום ורוח אלהים מרחפת על פני המים, מיט דעם פסוק פאנגט זיך אָן די מעשי בראשית, מיט די צוויי ווער־טער „תהו ובהו" איז די תורה כולל די אלע מיליאָ־נען יאהרען ווען די ערד איז געווען א פליסיג-פייער־

דיגע קוגעל וואָס האָט אַרויסגעגעבען ליכטיגקייט אַרום זיך אין דעם וועלט רוים ביז זי האָט זיך אָב־געקיהלט און אויסגעלאָשען דאָס וואסער האָט אָנ־געפאנגען צו עקזיסטירען אויף איהר און עס איז גע־וואָרען „חשך על פני תהום". תהום מיינט די אונ־טערשטע שיכטע פון די וואסער־אַטמאָספערע וואו זי גרעניצט זיך מיט'ן האַרטען ערד־באָדען, ווייל אַבוואָל די זון האָט באַלויכטען די ערד, איז אָבער איהר ליכט געפאלען אויף דער אויבערפלעכע פון דער געדיכט־נעבעלדיגע אַטמאָספערע הונדערטער מיילען וויט פון דער ערד און ווייטער ניט געגאנ־גען. „ורוח אלהים" מיינט דער ערשטער פונק לעבען וואָס די טויטע ערד וואָלט עס ניט קאָנען גע־בען ווי די תורה רופט עס אַן ווייטער „אלהי הרוחות לכל בשר" אָדער „לא ידון רוחי באדם". מיר ווייסען אַז לעבען איז אַ פּאַרטזועצונג פון אַ לעבען וואָס האָט שוין פריהער עקזיסטירט. די ערד האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג קיין נייעם לעבען ניט פּראָדוצירט, אפילו ניט דעם קלענסטען אינזעקט. פון וואנען זשע האָט זיך דער ערשטער פונק לעבען גענומען. משה ווי זיין שטייגער ערקלערט עס קורץ, אַז דעם ערש־טען פונק לעבען האָט גאָט באַשאַפען, און ווי די תורה דערצעהלט ווייטער האָבען די וואַסערען גע־

פּראָדוצירט דעם ערשטען לעבען „ישרצו המים שרץ נפש חיה" דעריבער זאָגט דאָ דער פּסוק „ורוח אלהים מרחפת על פני המים".

ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור — דאָס איז ניט געווען קיין עקסטרא בריאה, די זון האָט פריהער אויך בעלויכטען דעם ערד-קוגעל, אָבער צוליב דעם נעבעל האָט די ליכט ניט געקאָנט גרייכען דער ערד ביז די לופט האָט זיך אויף אַזוי פיל אויסגעלייטערט, אז די ליכט-שטראַהלען האָבען דערגרייכט די ערד. די ערשטע שטראַהלען זיינען נאַטירליך געווען שוואַכע ביז די לופט איז געוואָרען דורכזיכטיגער און די ליכט שטארקער. דאן ווען די ליכטיגקייט איז שוין גע־וואָרען פאָלקאָמען, זאָגט דער פּסוק „וירא אלהים את האור כי טוב ויבדל אלהים בין האור ובין החשך ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה".

דער מיין מיט'ן נאָמען איז למשל, ביים זייגער־מאכער זעהען מיר רעדלעך, שפּראַנדזינעס, ווייזערס און א ציפערבלאַט, מיר ווייסען אז ווען עס וועט ווע־רען אלעס צוזאַמען אויפגעשטעלט, וועט עס ווערען אַ כלי און וועט קריגען דעם נאָמען זייגער, אָבער כל זמן עס איז נאָך ניט ריכטיג אויפגעשטעלט קען איך עס ניט אָנרופען נאָך זייגער. אַזוי איז דאָ — כל

זמן די בריאה איז נאָך געווען ניט פאָלקאָמען, האָט עס נאָך קיין נאָמען ניט געהאט און דער נאָמען בע־שטעטיגט די פאָלקאָמענהייט.

ויהי ערב ויהי בקר יום אחד.

יום הייסט טאָג. עס האָט אבער נאָך א בעדייטונג וואָס אין העברעאיש ווערט עס באַנוצט, גאָט זאָגט צו אדמ'ן „כי ביום אכלך ממנו מות תמות". אדם האָט טאַקע יא געגעסען פון עץ הדעת און איז דעם זעלבען טאָג ניט געשטאָרבען. ער האָט גראדע געלעבט נאָהענט פון טויזענט יאהר. אלזאָ זעהען מיר אז דאָ מיינט „ביום" „אין דער צייט". „מחר" הייסט מאָרגען. עס ווערט אבער אמאָל בענוצט פאר אָ סך א לענגערע צייט. „כי ישאלך בנך מחר" מאכט רש"י יש מחר שהוא לאחר זמן, וכן יש יום שכולל ימים ועתים הרבה". משה'ס ציעל מיט דער פרשה איז געווען אַרויסצוברייננען דעם רעיון „ששת ימים תעבוד ויום השביעי שבת" האָט ער זיך דעריבער בענוצט מיט'ן וואָרט יום. אָבער דער זין דערפון איז צייט אָדער פעריאָדע. ויהי ערב ויהי בקר מיינט אויך ניט איין אבענד און איין פריה־מאָרגען, אין העברעאיש איז קיין נייס ניט צו רופען א רבים מיט לשון יחיד. „ויהי לי שור וחמור צאן

ועבד". אין דניאל געפינען מיר „עד ערב בקר אלפים ושלש מאות", אויך א לשון יחיד פאר פילע אָוונ־טען און פילע פריהמאָרגענס.

ויאמר אלהים יהי רקיע בתוך המים ויהי מבדיל בין מים למים, ויעש אלהים את הרקיע ויבדל בין המים אשר מתחת לרקיע ובין המים אשר מעל לרקיע ויהי כן.

אמאָליגע צייטען ווען די וויסענשאַפט איז נאָך ניט געווען ענטוויקעלט און מען האָט געגלויבט אין אסטראלאָגיע און אין א פולע הימלען מיט גלגלים און נאָך אזעלכעס, איז גאַנץ נאַטירליך אז מען האָט דאָ דעם אמת'ן פשט ניט געקאָנט פאַרשטיין. איצטער, אַז מיר ווייסען אז קיין הימלען מיט גלגלים איז ניטאָ, פאַרשטעהען מיר דעם אמת אז די תורה רופט די אטמאָספערע וואָס די ערד איז איינגעהילט „רקיע" אָדער „רקיע השמים" אָדער „שמים". דער פסוק זאָגט ווייטער „ועוף יעופף על הארץ על פני רקיע השמים" אָדער „ועצר את השמים ולא יהיה מטר". די פויגעל פליהט דאָך ניט אַזוי הויך ביז דעם גע־מיינטען הימעל און רעגען קומט דאָך אויך ניט פון הימעל, אלזאָ איז קלאָר אז רקיע מיינט די תורה די אטמאָספערע וואָס איז נאָך אין יענער פעריאָדע גע־

זען אָנגעזאפּט מיט וואסער, האָט גאָט געזאָגט אז ביז א בעשטימטע הויך פון דער ערד זאָלען קאָנען אַרומטראָגען זיך די וואסערען אין דער פאָרמע פון וואָלקענס און פאלען צוריק צו דער ערד אין פאָרמע פון רעגען און העכער אריבער די וואָלקענס זאָל ווע־רען א רקיע וואָס דאָס מיינט אן אויסדעהנונג די לופט זאָל וואָס העכער ווערען דינער און דינער אַזוי אַז קיין וואָלקענס קאָנען שוין העכער ניט אויפהיי־בען זיך „ויהי מבדיל בין מים למים — ויקרא אלהים לרקיע שמים — ויהי ערב ויהי בקר יום שני".

פיערטע לעקציע

ויאמר אלהים יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותראה היבשה ויהי כן — ויקרא אלהים ליבשה ארץ ולמקוה המים קרא ימים וירא אלהים כי טוב. אויבען איז שוין געזאָגט געוואָרען, אז דער נאָמען צייגט אויף דער פאָלקאָמענהייט פון דער בריאה און גוטער אָרדנונג — דאָ זעהען מיר קלאָר ווי משה שילדערט אונז אז איין פעריאָדע איז געווען א הכנה צו דער ענטוויקלונג פון דער צווייטער פער־יאָדע, כל זמן די לופט איז פול מיט וואסער און דער גאנצער ערד־קוגעל באדעקט מיט וואסער, איז ניט מעגליך געווען די ערד זאָל ארויסגעבען די אלערליי געוויקסע און אַזוי שילדערט אונז די תורה בהדרגה ווי אַזוי פון דעם כאָאָס „תהו ובהו" איז געוואָרען

„חשך על פני תהום“ נאָך דעם חשך האָבען זיך די וואַסערען אַבגעזועצט זיך און עס האָט זיך ענטוויקעלט דער „אור“. די לופט האָט זיך געלייטערט ביז די קלענסטע אטאָמען אָדער מאלעקולען וואָס די תורה רופט עס „רקיע“ אויף דער ערד האָבען די וואַסערען זיך געזאמעלט אין טייכען און ים׳ען עס האָט זיך באוויזען דער הארטער ערד-באָדען, עס איז געוואָרען א מעגליכקייט פאר דער ערד צו בעקליידען זיך אין איהר שעהנעם דופטיגען גרינעם מאַנטעל פאר די צוקינפטיגע ברואים צו שפייזען זיך, דאַן איז געקומען דער „מאמר אלהים“ ויאמר אלהים תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע עץ פרי עשה פרי למינו אשר זרעו בו על הארץ ויהי כן, ותוצא הארץ דשא עשב מזריע זרע למינהו ועץ עשה פרי אשר זרעו בו למינהו וירא אלהים כי טוב — ווען איך וואָלט געווען א באָטאַניקער, וואָלט איך געוויס דאָ משה׳ן בעסער פאַרשטאַנען, צום בעדויערן אָבער בין איך עס ניט און מיר ווען דאָ ענדיגען די דרי-

טע פעריאָדע ויהי ערב ויהי בקר יום שלישי.

ויאמר אלהים יהי מארת ברקיע השמים להבדיל בין היום ובין הלילה והיו לאתת ולמועדים ולימים ושנים, והיו למאורת ברקיע השמים להאיר על הארץ ויהי כן.

דעם פשט אויבערפלעכליך קאָן מען זיך דאָ פאָרשטעלען, אז גאָט האָט די זון געמאכט ווי די ווייבער מאכען די קניידלעך אום פסח, ער האָט גענומען אזאַ שטאָף ניט קיין מצה-מעהל נאַטירליך, האָט עס אויסגעקנאָטען און געמאכט א גרויסען קניידעל, אָנגעצונדען עס און אויפגעהאנגען אין דער לופט ברקיע השמים, דאָס איז מעהר ניט א שפאס, צו פאָרשטעהן דאָ דעם אמת'ן פשט ברויכען מיר פריהער וויסען די בעדייטונג פון „אור" און „מאור". אין העברעאיש הייסט עס דער עצם ליכטיגקייט אור, און מאור הייסט דער קערפער וואָס ענטהאלט די ליכטיגקייט, אין דער ערשטער פעריאָדע שטעהט „יהי אור" די זון איז דאמאָלס אויך געווען, אָבער

איבער דער נעבעלדיגער אטמאָספערע האָט זי נאָר געקענט שיקען ליכטיגקייט צו דער ערד. די זון אליין דער מאור הגדול האָט נאָך ניט געקאָנט ערשיינען דורך דעם זעהר געדיכטען נעבעל ביז דער פערטער פעריאָדע ווען גאָט האָט געזאָגט „יהי מארת ברקיע השמים" עס זאָל זיך באַווייזען דורך דער אַטמאָספע-רע די קערפּער וואָס ענטהאלטען די ליכטיגקייט און זאָלען באלייכטען די ערד.

ויעש אלהים את שני המארת הגדולים את המאור הגדול לממשלת היום ואת המאור הקטן לממשלת הלילה ואת הכוכבים.

אויבערפלעכליך קומט דאָך דאָ אוים פונקט פארקעהרט, ווי איך זאָג. שטעהט דאָך דאָ בפירוש אַז גאָט האָט ערשט געמאכט די צוויי גרויסע לייכ-טער, די זון און די לבנה און אויך די שטערען? — אום צו פאַרשטעהן דאָ דעם פסוק ברויכען מיר א בליק טאָן אויף צוריק אין דער ווייטער פארגאַנגענ-הייט אין משה'ס צייטען, ווען די גאנצע מענשהייט

האָבען געפראקטיצירט געטצען-דינסט. די צערעמאָ-
ניעס דערביי זיינען געווען אבשיילין, אויסגעלאסען
און סקאַנדאַליעז. די תורה זאָגט עדות „כי גם את
בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש לאליהיהם", די
עגיפּטיאַנער האָבען געדיענט צו די קראָקאָדילען,
וועלכע האָבען זיך גאַנץ בעקוועם געהאָדעוועט אויף
מענשליכע קרבנות אין דעם טייך נילוס, דאָס איז די
תנינים הגדולים וואָס שטעהט ווייטער אין פּסוק,
די תורה וואָרנט די אידען „כמעשה ארץ מצרים אשר
ישבתם בה לאתעשו". אין אַן אַנדער אָרט זאָגט די
תורה „ופן תשא עיניך השמימה וראית את השמש
ואת הירח ואת הכוכבים והשתחוית להם" — אַלזאָ
אויף דעם גרונט זאָג איך אַזוי ווי דער ציעל פון דער
פרשה איז איינצופלאַנצען אין די אידען די צוויי
הויפּט פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיאָן, די
אמונה אין א בורא און דעם שבת פאר א רוהע טאָג,
זאָג איך אז דער פּסוק ויעש אלהים את שני המארת
ביז ואת הכוכבים וואָס דאָס איז בעצם כולל דעם

גאַנצען אוניווערסום מיט די מיליאָנען וועלטען, דאָס איז א מאמר המוסגר דרך אגב זאָגט ער דאָ אז דאָס אלעס האָט אויך גאָט באַשאַפען און געמאַכט, נאָכ־הער קעהרט זיך די תורה אום צום ענין און זעצט פאָרט:

ויתן אתם אלהים ברקיע השמים להאיר על הארץ ולמשול ביום ובלילה ולהבדיל בין האור ובין החשך וירא אלהים כי טוב ויהי ערב ויהי בקר יום רביעי.

ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף על הארץ על פני רקיע השמים ויברא אלהים את התנינים הגדולים ואת כל נפש החיה הרמשת אשר שרצו המים למינהם ואת כל עוף כנף למינהו וירא אלהים כי טוב.

אין דער פינפטער פעריאָדע האָט גאָט געזאָגט צו די וואסערן זיי זאָלען פראָדוצירען פיש און פוי־געל. דיביידע האָבען א פערוואַנדטשאַפט, זיי האָ־בען ניט קיין לעבעדיגע, זיי לייגען אייער און נאָכ־

דעם קאלופען זיך אוים די קינדער, אָבער די לעבען אין וואסער און די אויף דער יבשה, פיליכט איז דאָ אַן אָנדייטונג אויף די עוואָלוציע דארווינ'ס, איך דענק אז אין די גאַנצע מעשה בראשית קאן דארווין שטימען מיט משה'ן בפרט אז מען זאָגט, אַז דארווין זאָגט אויך דאָס דער ערשטער פונק לעבען איז פון גאָט, נאָר אין איין פונקט קאָנען זיי ניט שטימען ווי מיר וועלען זעהן ווייטער.

משה זאָגט דאָ, אז גאָט האָט באַשאַפען די תנינים הגדולים, דאָס איז קראָקאָדילען, ווייל די מענשען האָבען זיי געהאלטען פאר געטער און גע־דיענט צו זיי.

ויברך אותם אלהים לאמר פרו ורבו ומלאו את המים בימים והעוף ירב בארץ.

ויהי ערב ויהי בקר יום חמשי.

פינפטע לעקציע

ויאמר אלהים תוצא הארץ נפש חיה למינה בהמה ורמש וחיתו ארץ למינה ויהי כן ויעש אלהים את חית הארץ למינה ואת הבהמה למינה ואת כל רמש האדמה למינהו וירא אלהים כי טוב.

ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וירדו בדגת הים ובעוף השמים ובבהמה ובכל הארץ ובכל הרמש הרמש על הארץ.

אין דער זעקסטער פעריאָדע האָט גאָט געזאָגט צוערשט זי זאָל פּראָדוצירען די ערד אלעם וואָס לעבט אויף איהר, און צולעצט האָט ער געזאָגט צו דער ערד, יעצט וועלען מיר פּראָדוצירען צוזאַמען די לעצטע און וויכטיגסטע בריאה וואָס דו אליין וועסט עס ניט קאָנען. ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו

כדמותנו, עס וועט זיין צוזאַמען געשטעלט פון קער־
פּער און גייסט. דעם קערפּער וועסטו געבען, אָבער
דער גייסט דאָס וועט זיין הויך ווי הימעל פון דער
ערד אנטקעגען אלע ברואים׳ס גייסט. זיין גייסט וועט
זיין בדמותי כצלמי. (אלע ברואים פון היינט שטע־
הען אויף דער זעלבער מדרגה ווי זייערע אור־אור־על־
טערן זיינען געשטאַנען מיט טויזענטער יאהרען צו־
ריק, אָבער דער מענש מיט זיין גייסט האָט ארומ־
גענומען די אלע כוחות פון דער נאַטור און באהערשט
זיי ווי גאָט האָט געבאָטען. ומלאו את הארץ וכבשה
און זיין גייסטיגער פּראָגרעס שטעלט זיך נאָך ניט
אָב, מיר קאָנען ניט זעהן אפילו אין פאַנטאַזיע וואָס
די שפּעטערע דורות וועלען אויפטאָן) וועגען חוה׳ן
וואָס דעם חומר האָט גאָט גענומען א פּארטיגען
„אחת מצלעותיו“ און עס האָט געפעהלט נאָר דער
צלם אלהים, זאָגט גאָט „אעשה לו עזר“ בלשון יחיד
— ווי מיר זעהען געהען זיך דאָ משה מיט דאַרווינען
פאַרנאַנדער, לויט משה׳ן שטאמט דער מענש בשום

אופן ניט פון מאלפעס, דער מענש איז אן עקסטרא בריאה לויט'ן גייסט, מען טאָר אבער ניט זיין פאַר־טייאיש מיט די קינדער, מען לערענט משה'ן און דאַרווינען, זאָלען די שילער אליין אורטיילען וועלכע טעאָריע איז די ריכטיגע, וועלכער האָט נייגונג צו רעליגיע וועט גלויבען משה'ן, אן אנדערער וועט גלוי־בען דאַרווינען.

ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים ברא אותו — בעפאר איז ער באַשאַפען געוואָרען אַליין און נאָכהער זכר ונקבה ברא אותם ויאמר להם אלהים פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשה ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חיה הרמשת על הארץ, ויאמר אלהים הנה נתתי לכם את כל עשב זרע זרע אשר על פני כל הארץ ואת כל העץ אשר בו פרי עץ זורע זרע לכם יהיה לאכלה, ולכל חית הארץ ולכל עוף השמים ולכל רומש על הארץ אשר בו נפש חיה את כל ירק עשב לאכלה, ויהי כן, וירא

אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד, ויהי ערב ויהי בקר יום השישי.

די תורה זאָגט אונז אלזאָ אז אלע חיות זיינען באַשאַפען פון דער נאַטור צו שפייזען זיך מיט גע־וויקסע און גרינסען. דעם מענשען איז נאָכ׳ן מבול ערלויבט געוואָרען עסען פלייש, אָבער ניט די חיות. די שטאַרקערע האָבען זיך אלזאָ אליין גענומען דאָס רעכט אויפעסען דעם שוואַכערן, און ווען עס איז וועט קומען בעסערע צייטען, זאָגט ישעיה הנביא, אז ואריה כבקר יאכל תבן.

ויכלו השמים והארץ וכל צבאם ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה וישבת ביום השביע מכל מלאכתו אשר עשה.

ווען מיר זאָגען אז יום איז דאָ געמיינט טאָג, בעצייכענט אלזאָ דער טאָג די צייט פון דער בריאה פון יעדער טאָג. זאָגען מיר אָבער אז יום איז גע־מיינט א פעריאָדע, דאַן באַצייכענט די בריאה די גרויס פון דער פעריאָדע. אין דעם מאָמענט אָבער ווי

די בריאה איז צו ענדע, פאנגט זיך גלייך אָן די אנ־
דערע פעריאָדע, דעריבער שרייבט די תורה ויכל
ביום השביעי, ווייל ווי באלד אז ויכל איז דאָס שיין
געווען די זיבעטע פעריאָדע.

ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו כי
בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות.

דאָ זאָגט אונז די תורה אז לזכרון למעשה
בראשית איז דער זיבעטער טאָג געהייליגט געוואָ־
רען, עס איז אבער שפעטער אין דער תורה געזאָגט
געוואָרען נאָך א פולע זיבענער צום היטען. מיר ווע־
לען געהן כסדר, אין ערשטען חודש איז פסח זיבען
טעג, שבועות קומט נאָך זיבען וואָכען ספירה, אין
זיבעטען מאָנאַט קומט א רייהע ימים טובים „בחודש
השביעי" באחד לחודש שבתון, נאָכהער קומט יום
כפור, סוכות איז זיבען טעג, אין זיבעטען חודש,
שמיני עצרת איז ניט סוכות נאָר רגל בפני עצמו,
שמיטה איז דער זיבעטער יאהר „שש שנים תזרע
שדך ובשנה השביעית שבת שבתון שבת לה' כי

תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעי יצא לחפשי, נאָך זיבען שמיטות קומט יובל, דערפון איז געדרונגען אז די זעקס טעג מעשה בראשית איז ניט זעקס טאָג, נאָר זעקס פעריאָדען און די הייליגקייט פון שבת איז דערמיט ניט געמינערט, זאָבאלד גאָט האָט איהם געהייליגט.

95236